# קוואל פון איינקונפט דיסקרימינאציע

## לאקאלע יושר־דיגע האוזינג באשיצונגען




אפיס פון די ניו יארק סטעיט
אטוירני דזשענעראל
**לעטישע דזשעימס**

# מיטלען

### אפיס פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל ציווילע רעכטן ביורא

28 Liberty Street
New York, NY 10005

civil.rights@ag.ny.gov
ag.ny.gov/bureau/civil-rights
(212) 416-8250

האטליין:
(800) 771-7755

שווער הערן:
(800) 788-9898

קאמפלעינט׳ פארם:׳
ag.ny.gov/source-income-discrimination-form

### ניו יארק סטעיט דעוויזשאן און היומען רייטס

One Fordham Plaza, 4th Floor
Bronx, NY 10458

געפינט רעגיאנאלע אפיסעס ביי:
dhr.ny.gov

(718) 741-8400

## טייערע ניו יארקער,

ניו יארק סטעיט האט אדורך געפירט די ״קוואל פון איינקונפט״ געזעצן צו באשיצן די רעכטן פון ניו יארקער וועלכע צאלן פאר האוזינג דורך נוצן איינקונפט פון סאשל סעקיוריטי, פאבליק שטיצע, אדער האוזינג וואוטשערס אזוי ווי סעקשאן 8. אויב איר קלערט אז א לענדלארד טוט דיסקרימינירן אקעגן אייך באזירט אויף אייער געזעצליכע קוואל פון איינקונפט, קענט איר מעגליך האבן אן אויסוועג.

מיין אפיס איז פארפליכטעט צו פארזיכערן אז אלע אונזערע איינוואוינער באקומען א יושר׳דיגע באהאנדלונג ווען זיי גיבן זיך איין אדער ווען זיי באצאלן פאר האוזינג. אויב איר האט סיי וועלכע פראגעס אדער פראבלעמען, ביטע האלט זיך נישט צוריק פון זיך פארבינדן מיט אונזער ציווילע רעכטן ביורא.

מיט שעצונג,

Letitia James



אום אפריל 12, 2019, האט ניו יארק סטעיט אויסגעבעסערט דעם ניו יארק סטעיט היומען רייטס געזעץ צו באשיצן אלע ניו יארקער פון דיסקרימינאציע וואס איז באזירט אויף די געזעצליכע קוואל פון איינקונפט. דער געזעץ איז גילטיג איבער כמעט אלע סארטן האוזינג אין ניו יארק סטעיט.

**דאס געזעץ ערקלערט אז עס איז אומלעגאל פאר סיי וועמען אייך צו אנטזאגן האוזינג באזירט אויף די סארט לעגאלע איינקונפט וואס איר באקומט.**

קוואל פון איינקונפט דיסקרימינאציע ווערט אפט מאל געצילט אקעגן אזעלכע וואס זייער לעגאלע איינקונפט קומט פון קוועלער וואס זענען נישט קיין באצאלונג טשעק, אריין גערעכנט סאשל סעקיוריטי צאלונגען, סיי וועלכער סארט פון רעגירונגס שטיצע, אדער קינדער שטיצע.

די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס טוט אויספארשן און פארסירן די לעגאלע קוואל פון איינקונפט באשיצונגען. אויב איר קלערט אז מען האט דיסקרימינירט אקעגן אייך באזירט אויף לעגאלע קוואל פון איינקונפט, קענט איר איינגעבן א 'קאמפלעינט' אנליין אויף ag.ny.gov/source-income-discrimination-form.

די פאלגענדע קוועלער פון איינקונפט זענען באשיצט אונטערן געזעץ:

- סיי וועלכער סארט פון פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע שטיצע (אזוי ווי למשל קעש שטיצע);
- סיי וועלכער סארט פון פעדעראלע, סטעיט, אדער לאקאלע האוזינג שטיצע (אזוי ווי למשל סעקשאן 8 וואוטשערס);
- קינדער שטיצע 'טשיילד סופארט';
- 'אלימאני';
- 'פאסטער קעיר' סובסודיעס;
- סאשל סעקיוריטי אדער 'סופלעמענטל סעקיוריטי' איינקונפט (SSI); אדער
- סיי וועלכער אנדערע סארט פון לעגאלע איינקונפט אדער רעגירונגס שטיצע

## רוב פראפערטיס זענען אריין גערעכנט אין די אפריל 2019 אויסבעסערונגען צו דעם ניו יארק סטעיט 'היומען רייטס' געזעץ. די איינציגסטע אויסנאמען זענען:

- איינס- אדער צוויי- פאמיליע היימען וואס זענען באזעצט דורך דעם אייגענטימער;
- צימער רענטאלס אין פראפערטיס פאר אינדיווידועלע מענטשן פון דעם זעלבן געשלעכט, אזוי ווי למשל קאלעדזש דארמיטאריס אדער 'באורדינג' הייזער וואו אלע איינוואוינער זענען פון דעם זעלבן געשלעכט; און
- האוזינג וואס איז געצילט פאר עלטערער לייט.

## סיי וועלכער פערזאן וואס פרובירט צו פארדינגען אדער פארקויפן א האוזינג איינהייט קען ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך פאר דיסקרימינאציע; דאס רעכנט אריין אייגענטימער, פארוואלטונג פירמעס, מעקלערס, ריעלטארס, קא-אפ באורדס און קאנדא ארגאניזאציעס. די סארטן פון דיסקרימינאטארישע אויפפירונג קען אריין רעכענען:

- ליסטינגס אדער רעקלאמעס וועלכע נוצן אזעלכע פראזן ווי "נישט קיין סעקשאן 8/ נישט קיין DSS/ נישט קיין SSI", "נישט קיין צאלונג פראגראמען", אדער "די דירות זענען נאך נישט באשטעטיגט געווארן פאר קיין שום וואוטשערס סובסודיעס";
- דאס אנטזאגן צו פארדינגען, פארקויפן, אדער אויף אן אנדערן וועג אפזאגן האוזינג באזירט אויפן באנוץ פון לעגאלע קוועלער פון איינקונפט; אדער
- צו- שטעלן אנדערע באדינגונגען אדער פריווילעגיעס, אדער דאס אפזאגן דעם באנוץ פון 'פאסיליטיס' פאר איינוואוינער באזירט אויף דעם קוואל פון איינקונפט, אזוי ווי למשל א באלקאן אויפן דאך וואס איז גרייט פאר אלע איינוואוינער אויסער אזעלכע וואס האבן א וואוטשער.

## דיסקרימינאטארישע אויפפירונג קען פארקומען אויף וועגן וואס איז שווער צו באמערקן. די פאלגענדע ביישפילן קענען אויך זיין באוויז פון קוואל פון איינקונפט דיסקרימינאציע:

- א לענדלארד וואס אנטזאגט זיך אריין צו רעכענען א הויזגעזונד מיטגליד'ס סאשל סעקיוריטי איינקונפט ביים אויסרעכענען צי מען איז בארעכטיגט צו א דירה;
- א מעקלער וואס פירט אונטער פאר א פאטענציאנאלן טענענט שוואכערע דירות ביים געוואר ווערן אז דער טענענט פלאנט צו באצאלן מיט א רענטאל שטיצע וואוטשער;
- א מעקלער וואס דינגט זיך דערויף אז א פאטענציאנאלער טענענט זאל צו- שטעלן איבערוווייז פון ארבייט כדי זיך איינצוגעבן פאר א דירה; אדער
- א לענדלארד וואס העכערט די רענט וואס איז געווען רעקלאמירט צוליב אייער קוואל פון איינקונפט.

## צוגאב אינפארמאציע און דאקומענטאציע קען אונז העלפן אויס צו פארשן אייער קוואל פון איינקונפט דיסקרימינאציע 'קאמפלעינט'. טייל ביישפילן פון ביהילפיג דאקומענטאציע אדער אינפארמאציע וואס איר זאלט מיטגעבן מיט אייער 'קאמפלעינט', אויב מעגליך, זענען:

- 'סקרין שאטס' אדער בילדער פון רעקלאמעס, ליסטינגס, אדער האוזינג אפליקאציעס וועלכע טוען רעפערירן דיסקרימינאציע וואס איז באזירט אויף דעם קוואל פון איינקונפט;
- אימעילס, טעקסטס, אדער אנדערע שריפטליכע קאמוניקאציע מיט אן אייגענטימער, מעקלער, אדער אגענט וואס אנטהאלט דיסקרימינאציע פון קוואל פון איינקונפט; אדער
- דער נאמען, פירמע, און אמט טיטל פון סיי וועם צו וועמען איר רעדט, וועלכער נוצט א דיסקרימינאטארישע שפראך.

---

**אין צוגאב צום איינגעבן א ‹קאמפלעינט› ביי די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס, קענט איר אויך איינגעבן א ‹קאמפלעינט› ביי די ניו יארק סטעיט ‹דעוויזשאן אוו היומען רייטס› אויף *dhr.ny.gov*.**